# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך

מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג

נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

ראש השנה, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 1 (571)


**זמנים עיה"ק אומאן**

הדלקת הנרות..................6:30

מוצאי יו"ט.....................8:00

**שיעורים כסדרן**

נ"ך............שמואל-ב' כ"א-כ"ב

בבלי......................כתובות פ"ב

ירושלמי...........עבודה זרה כ"ב

תוספתא......................חלה ב'

רמב"ם...................מכירה כ"ג

## הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ב') אַז עֶס אִיז זֵייעֶר גוּט וֶוען מֶען וַוארְפְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אַרוֹיף אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיף אִים. דֶערְפַאר, יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי גְלַייךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף, אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען זָאל אִיבֶּער גֶעבְּן דֶעם טָאג פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן. מֶען זָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ גֶעבּ אִיבֶּער דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג פַאר דִיר, אַלֶעס וָואס אִיךְ אוּן מַיינֶע קִינְדֶער אוּן אַלֶע וָואס זֶענֶען תָּלוּי אִין מִיר וֶועלְן טוּן, זָאל אַלֶעס זַיין אַזוֹי וִוי דוּ ווִילְסְט". אוּן דַאן דַארְף מֶען זִיךְ שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָארְגְן אוֹיבּ עֶס פִירְט זִיךְ יָא גוּט אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל פִירְן דֶעם טָאג אַנְדֶערְשׁ, ווִיל מֶען אוֹיךְ נָאר אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל. דִי זֶעלְבֶּע אִיז פַאר עֶס קוּמְט אַ שַׁבָּת אָדֶער אַ יוֹם טוֹב, גֶעבְּט מֶען עֶס אִינְגַאנְצְן אִיבֶּער פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען דַארְף זִיךְ מֶער גָארְנִישְׁט זָארְגְן, צִי מֶען הָאט יָא יוֹצֵא גֶעוֶוען ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין אָדֶער נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען אִיז מַסְכִּים אַז עֶר זָאל עֶס פִירְן ווִי אַזוֹי עֶר ווִיל.

יֶעצְט, רֹאשׁ הַשָּׁנָה, וֶוען מֶען הַאלְט בַּיים אָנְהוֹיבּ יָאר, קֶען מֶען אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶעם גַאנְצֶע יָאר פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֶעבּ דִיר אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע יָאר, אַלֶע מַיינֶע מַחְשָׁבוֹת, מַעֲשִׂים אוּן דִיבּוּרִים פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאר זָאלְן זַיין נָאר אַזוֹי ווִי דוּ ווִילְסְט, הֶעלְף מִיר אַז אִיךְ זָאל נָאר טוּן דַיין ווִילְן דֶעם גַאנְצְן יָאר, אִיךְ זָאל חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט טוּן קַיין שׁוּם עֲבֵירוֹת חַס וְשָׁלוֹם". אוּן אַזוֹי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶע זַיינֶע רְצוֹנוֹת אוּן כִּיסוּפִים, ווִי שְׁטַארְק אִיז מַיין ווִילְן אִיז צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אַרוֹיס זַיינֶע רְצוֹנוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי וואוֹיל, עֶר פִירְט זִיךְ נָאכְנִישְׁט אוֹיף אִינְגַאנְצְן ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאגְט עֶר אָבֶּער כָאטְשׁ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט זַיין, וָואס עֶר וָואלְט בֶּאֱמֶת גֶעוָואלְט טוּן (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"א וְסִימָן ס"ו).

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיךְ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען הָאבְּן דֶעם קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ צוּ טְרַאכְטְן נָאר גוּטְס, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער נָאר גוּטְס טוּן מִיט אוּנְז, אוּן אוּנְז אָנְשְׁרַייבְּן אַ גוּטֶע יָאר". דָאס אִיז אַזוֹי ווִי דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן כ"א) אַז אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ וָואס דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט, וואוּ דֶער מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, דֶערְפַאר וואוֹיל אִיז דֶער וָואס הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר טְרַאכְט נָאר גוּטְס אַ גַאנְץ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "עֶס וֶועט זִיכֶער קוּמֶען אַ גוּטֶע פַיינֶע יָאר", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ זִיךְ פִירְן עֶרְלִיךְ", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן גֶעלְט", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען אַסַאךְ תּוֹרָה", "דָאס יָאר וֶועל אִיךְ הָאבְּן אַסַאךְ אִידִישׁ נַחַת פוּן מַיינֶע קִינְדֶער" אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

נָאךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן כ"א): "רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זֶען צוּ רֶעדְן ווִי ווֵיינִיגֶער". דֶערְפַאר פִירְן זִיךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ נִישְׁט צוּ רֶעדְן רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אִיבְּרִיגֶע זַאכְן.

דֶער רֶבִּי בְּרֶענְגְט פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קי"ג) אַז יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין אַלֶע גְזֵירוֹת, מֶען פְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיף אַ צְוֵוייטְן: "וָואס הָאלְסְטוּ קוּמְט זִיךְ פַאר יֶענֶעם וָואס הָאט גֶעטוּן דָאס אוּן דָאס?" אוּן דֶער מֶענְטְשׁ עֶנְטְפֶערְט: "פַאר אַזַא זַאךְ קוּמְט אִים אַ גְרוֹיסֶע עוֹנֶשׁ!" אוּן עֶר כַאפְּט נִישְׁט אַז יֶעצְט הָאט עֶר גֶע'פַּסְקְ'נְט אוֹיף זִיךְ אַלֵיין.

סְפֶּעצִיעֶל אִין דֶעם טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען אָפְן דִי סִפְרֵי חַיִּים וְסִפְרֵי מֵתִים, מֶען אִיז דַן יֶעדְן מֶענְטְשׁ וָואס עֶס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אִים דֶעם גַאנְצְן יָאר, דַארְף מֶען זִיכֶער זַיין גֶעוָוארֶענְט, נִישְׁט צוּ רֶעדְן צוּ אַסַאךְ, וַוייל מֶען קֶען חַס וְשָׁלוֹם פַּסְקְ'נֶען פַאר זִיךְ אַ שְׁלֶעכְטֶע גְזַר דִין.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס הִיט זַיין מוֹיל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן רֶעדְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף נִישְׁט, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ אוּן גֶעשְׁמַאקֶע יָאר.

אוֹיךְ זָאגְט דֶער רֶבִּי (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"א): **"רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ, אוּן מֶען דַארְף אוֹיךְ ווֵיינֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**. בֶּאֱמֶת גֵייט דִי בֵּיידֶע זַאכְן אִינְאֵיינֶעם, פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מֶען הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קֶענֶען קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּן שְׁטַארְקְט יֶעדְן צוּרִיק צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער דָאס טַאקֶע מַאכְט אוֹיךְ ווֵיינֶען אוּן חֲרָטָה הָאבְּן פַארְוָואס בִּיז יֶעצְט אִיז מֶען נִישְׁט גֶעוֶוען וואוֹיל.

וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן עֶר ווֵיינְט פַאר שִׂמְחָה אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, וֶועט עֶר זִיכֶער הָאבְּן אַ פַיינֶע גוּטֶע יָאר.

(סֵפֶר הַנְהָגוֹת רֹאשׁ הַשָּׁנָה)

## אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה

וואוֹיל אִיז אוּנְז אַז מִיר זֶענֶען זוֹכֶה צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִין אוּמַאן בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זְכוּת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז מְזַכֶּה גֶעוֶוען, מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דִי גְרוֹיסְקֵייט דֶערְפוּן, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן ת"ג) אַז וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף זַיין זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, "אִכְלוּ מַשְׁמַנִּים וּשְׁתוּ מַמְתַּקִּים כִּי חֶדְוַת ה' הִיא מָעֻזְּכֶם" (נְחֶמְיָה ח, י). דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אַמָאל אוֹיסְגֶעדְרוּקְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תצ"א): "וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דַארְף נִישְׁט פַאסְטְן קַיין אֵייגֶענֶע תַּעֲנִיתִים תְּשׁוּבָה צוּ טוּן; אוּן וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בַּיי מִיר רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶועט אִים נִישְׁט הֶעלְפְן דָאס פַאסְטְן". אַזוֹי שְׁטַארְק הָאט דֶער רֶבִּי מַחְשִׁיב גֶעוֶוען וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה צוּ זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ זַיין אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּקוּמֶען אַלֶע שְׁוֶועְרִיקֵייטְן אוּן קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ טַאנְצְן אוּן זִיךְ

<<<<<<

## א גוט ווארט

נֶעם דִיר מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל מִיט אַ תְּהִלִּים'ל אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן וָואס צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן וֶועג אוּן דוּ זָאלְסְט זִיךְ נִישְׁט מְטַמֵּא זַיין דִי אוֹיגְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד רֶבִּי שְׁמוּאֵל טְשֶׁעטְשִׁיק זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "בַּיים אַהֵיימְפָארְן פוּן אוּמַאן וואוּ מֶען הָאט גֶעזָאגְט דִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', נָאכְן זַיין אִין קִיעֶוו אִין עֶירְפָּארְט - דַארְף מֶען שׁוֹין צוּרִיקְפָארְן צוּם רֶבִּינְ'ס צִיּוּן נָאכְאַמָאל זָאגְן דִי 'תִּיקּוּן הַכְּלָלִי', פוּן דִי שְׁמוּצִיגֶע עֶירְפָּארְט וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְטַמֵּא דִי אוֹיגְן, בִּפְרַט אִין קִיעֶוו, וָואס דִי אוּקְרֵיינִישֶׁע גוֹיִם זֶענֶען דִי נִידְרִיגְסְטֶע וָואס אִיז פַארְהַאן".

אַנְשְׁטָאט קוּקְן גוֹיִ'אִישֶׁע מָאוִויס, נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן זָאג אַ פֶּרֶק אוּן נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס וֶועט דִיר אוֹיסְוַואשְׁן דַיין נְשָׁמָה; מָאוִויס אִיז אַ שֶׁקֶר אוּן אַ דִמְיוֹן, עֶס נֶעמְט צוּ דֶעם מֹחַ פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן עֶס בְּרֶענְט אוֹיס דִי מֹחַ, דוּרְכְדֶעם פַארְלִירְט מֶען דִי גַאנְצֶע טַעַם אִין דַאוֶוענֶען. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן נ): "כִּי כָּל הַפּוֹגֵם בַּבְּרִית, אֵין יָכוֹל לְהִתְפַּלֵּל", וֶוער עֶס אִיז פּוֹגֵם בִּבְרִית, עֶר הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן עֶר קוּקְט מָאוִויס פוּן גוֹיִם - דֶער קֶען נִישְׁט דַאוֶוענֶען, דָאס גַאנְצֶע דַאוֶוענֶען אִיז אִים אַן אָפְּקוּמֶענִישׁ.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה הַאֲזִינוּ תשע"ז)

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי, אוּן דִי יָאר אִיז אַרִיבֶּער

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת וְזֹאת הַבְּרָכָה-א, ח' תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תשע"ח לפ"ק

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

מִיר זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין אִין אַ נֵייעֶם יָאר, דַארְפְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דֶער יָאר אִיז אַרִיבֶּער; דֶער הֵייליגֶער יִיטַב לֵב זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה טַייטְשְׁט דֶעם פָּסוּק (דְבָרִים יא, יב): "תָּמִיד עֵינֵי ה' אֱלֹקֶיךָ בָּהּ, מֵרֵשִׁית הַשָּׁנָה וְעַד אַחֲרִית שָׁנָה", פְרֶעגְט דֶער יִיטַב לֵב, פַארְוָואס שְׁטֵייט קוֹדֶם הַ'שָּׁנָה מִיט אַ 'ה' אוּן צוּם סוֹף שְׁטֵייט שָׁנָה אָן אַ 'ה'? נָאר יֶעדֶע יָאר טְרַאכְט אַ מֶענְטְשׁ 'דֶער יָאר וָואס קוּמְט, גֵייט זַיין אַ קְנַאקֶעדִיגֶע יָאר', אוּן עֶר מַאכְט אַסַאךְ קַבָּלוֹת טוֹבוֹת, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט סוֹף יָאר זֶעט מֶען אַז עֶס אִיז אַרִיבֶּער אַ יָאר אַזוֹי וִוי אַלֶע יָארְן, מֵרֵשִׁית הַ'שָּׁנָה - אָנְהֵייבּ יָאר טְרַאכְט מֶען עֶס גֵייט זַיין הַ'שָּׁנָה מִיט אַ הֵא הַיְדוּעָה, אָבֶער בַּיים סוֹף בְּלַייבְּט עֶס אַ שָׁנָה - וִוי אַלֶע יָארְן.

לְגַבֵּי וָואס זָאג אִיךְ דִיר דָאס, נָאר מִיר זֶענֶען יֶעצְט צוּרִיק גֶעקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען אַסַאךְ גוּטֶע קַבָּלוֹת, דַארְפְן מִיר שׁוֹין אָנְהֵייבְּן טוּן דִי אַלֶע גוּטֶע קַבָּלוֹת וַוייל דֶער יָאר הָאט זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן. מֶען גֶעבְּט זִיךְ נָאר אֵיין קְלֵיינֶע דְרֵיי אוּן עֶס אִיז שׁוֹין סוֹף יָאר.

מֶען פִירְט זִיךְ צוּ עֶסְן פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה בִּיז שִׂמְחַת תּוֹרָה 'רִינְדֶעכִיגֶע חַלּוֹת'; עֶס אִיז דָא אַסַאךְ טַעֲמִים אוֹיף דֶעם, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט אַ פָּשׁוּטֶ'ער טַעַם, אַז מֶען ווִיל וַוייזְן פַארְן מֶענְטְשׁ אַז מֶען גֶעבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי, אוּן דֶער יָאר אִיז אַרִיבֶּער. וַוייל בְּדֶרֶךְ כְּלַל אַ מֶענְטְשׁ מַאכְט זִיךְ פְרִישֶׁע קַבָּלוֹת אוֹיפְן נֵייעֶם יָאר, אָבֶער נָאכְנִישְׁט יֶעצְט, עֶר טְרַאכְט צוּ זִיךְ: 'נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים וֶועל אִיךְ גְלַייךְ אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען אוּן צוּ דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן' וְכַדוֹמֶה, נָאךְ דִי יָמִים טוֹבִים הָאט עֶר אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים פַארְוָואס נָאכְנִישְׁט אָנְצוּהֵייבְּן, אוּן אַזוֹי דְרֵייט זִיךְ דוּרְךְ דֶער יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר אוּן נָאךְ אַ יָאר בִּיז דִי גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אַרִיבֶּער פּוּסְט אוּן וִויסְט; דֶערְפַאר עֶסְט מֶען רִינְדֶעכִיגֶע חַלּוֹת גְלַייךְ אָנְהֵייבּ יָאר, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זֶען אַז מֶען גִיבְּט זִיךְ אֵיין דְרֵיי אוּן דִי גַאנְצֶע יָאר אִיז אַרִיבֶּער, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "אִיךְ הֶער שׁוֹין מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִוי דֶער שַׁמָּשׁ גֵייט אַרוּם אוֹיפְוֶועקְן צוּ סְלִיחוֹת".

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר, זֶע צוּ גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוֶונֶען מִיט מִנְיָן, אוּן אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן פַּרְנָסָה, אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט: "אַז מֶען דַאוֶונְט מִיט מִנְיָן, הָאט מֶען אַ דָבָר שֶׁבַּמִּנְיָן (גֶעלְט)", פַּרְנָסָה הָאט מֶען אַז מֶען גֵייט אִין שׁוּל דַאוֶונֶען, פַּרְנָסָה הָאט מֶען אַז מֶען לֶערְנְט יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל חוּמָשׁ רַשִׁ"י, אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן אַבִּיסְל גְמָרָא וְכוּ'; עֶס גֵייט אַרִיבֶּער אַ טָאג נָאךְ אַ טָאג אַ וָואךְ נָאךְ אַ וָואךְ אוּן וָואס בְּלַייבְּט אִיבֶּער פוּן אוּנְז? נָאר דָאס בִּיסְל תּוֹרָה וּתְפִילָּה וָואס מִיר כַאפְּן אַרַיין יֶעדְן טָאג.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער חָבֵר, אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין יָא דָא בַּיים רֶבִּי'ן, הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען דוּרְךְ צוּ בְּרֶעכְן אַלֶע דַיינֶע מְנִיעוֹת וְכוּ' וְכוּ', פַארְוָואס זָאלְסְטוּ נִישְׁט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אַזוֹי וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז דוּ זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן. אַ גְּמַר חֲתִימָה טוֹבָה אוּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וְזֹאת הַבְּרָכָה תשע"ח)

<<<<<< אומאן ראש השנה

פְרֵייעֶן מוֹצָאֵי רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף דִי גְרוֹיסֶע זְכוּת אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן בַּיים רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

## אַהֵיים נֶעמֶען גוּטֶע זַאכְן

אַז מִיר הָאבְּן שׁוֹין יָא זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיים רֶבִּי'ן, דַארְפְן מִיר הָאבְּן שֵׂכֶל אוּן אוֹיךְ אַהֵיים נֶעמֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע לִמּוּדִים פוּן רֶבִּי'ן, מִיטְנֶעמֶען אוֹיפְ'ן גַאנְצְן יָאר דִי אַלֶע לִמּוּדִים וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, אַז דָאס זָאל אוּנְז בַּאגְלֵייטְן אוֹיף שְׁטֶענְדִיג אוּן אוּנְז פִירְן אוֹיפְן רִיכְטִיגְן וֶועג.

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז אִיז צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ. בַּיי אוּנְז אִיז דָאס אִידִישׁ, דַארְפְן מִיר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, צוּ דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען גֵייט דוּרְךְ, אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען מִיט וָואס מֶען מוּטְשֶׁעט זִיךְ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט פַאר אַן אֱמֶת'ן גוּטֶער חָבֵר.

עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אָן דִי עֵצָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן ק') אַז אַלֶע צַדִּיקִים זֶענֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ זֵייעֶרֶע מַדְרֵיגוֹת נָאר דוּרְךְ דֶעם וָואס זֵיי הָאבְּן גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער מוֹיל אִיז דֶער שְׁלִיסְל צוּ הַצְלָחָה, מִיטְ'ן מוֹיל קֶען מֶען אָנְקוּמֶען צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אָן אוּן עֶס זֶעט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אוֹיס וִוי עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן, זַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן אִיז אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, ווִיפִיל מָאל עֶר הָאט שׁוֹין פְּרוּבִּירְט זִיךְ אוֹיפְצוּהוֹיבְּן אוּן זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין, אִיז עֶס קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען. וֶוען אַ אִיד זָאל אָבֶער ווִיסְן דִי כֹּחַ וָואס עֶר הָאט אִין זַיין מוֹיל, וָואלְט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט דֶערְצֵיילְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן זַיין גַאנְצֶע עָבַר, עֶר וָואלְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר דַארְף הָאבְּן אוֹיף וַוייטֶער בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אַזוֹי וָואלְט עֶר צוּבִּיסְלֶעךְ אַרוֹיסְגֶעקְרָאכְן פוּן אַלֶע זַיינֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן שְׁוֶועריקַייטְן, אוּן עֶר וָואלְט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען אִין לֶעבְּן אוֹיפְ'ן שֶׁענְסְטְן אוֹפָן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רכ"ח) אַז אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען קֶען טְרֶעפְן גֶעצֵיילְטֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס רֶעדְן נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זֶענֶען זֵיי אָבֶער זֵייעֶר צוּפְלוֹיגֶענֶע מֶענְטְשְׁן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קַיין יִשּׁוּב הַדַּעַת. אַ אִיד וָואס גֶעווֹאוֹינְט זִיךְ צוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט עֶר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע יִשּׁוּב הַדַּעַת, עֶר וֶוערְט אַ רוּאִיגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר וֵוייסְט וָואס עֶר ווִיל אוּן עֶר הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ. אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ פַארְשְׁלָאפְן, אֲפִילוּ וֶוען עֶר לֶערְנְט אוּן עֶר דַאוֶונְט אִיז אוֹיךְ אַלֶעס פַארְשְׁלָאפֶענְעְרְהֵייט, עֶר וֵוייסְט נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל אִין לֶעבְּן, זַיין מֹחַ שְׁלָאפְט.

וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָבֶער אָן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן אָנְפַאנְג אִיז עֶס זֵייעֶר שְׁוֶוער, מֶען קֶען שְׁפִּירְן וִוי מֶען רֶעדְט צוּ דִי וַואנְט חַס וְשָׁלוֹם. אַ אִיד וָואס גְלֵייבְּט אָבֶער אוּן וֵוייסְט אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא אוּן עֶר אִיז אִיבֶּעראַל, עֶר הֶערְט אוֹיס יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וֶועט עֶר זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער, אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר אָנְהוֹיבְּן שְׁפִּירְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אוּן דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי גְרֶעסְטֶע הַצְלָחוֹת. דָאס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ זֶעלְבְּס-זִיכֶערְקֵייט, מֶען זָאל נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, מֶען זָאל ווִיסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט שְׁלֶעכְטֶס טוּן פַאר אַ צְוֵוייטְן אָן רְשׁוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַ אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּאקוּמְט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, עֶר וֵוייסְט אוּן עֶר פִילְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת, נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען מוֹרָא הָאבְּן, אוּן נָאר פוּן אִים דַארְף מֶען בֶּעטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף הָאבְּן.

דֶערִיבֶּער, דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף אַהֵיימְנֶעמֶען פוּן אוּמַאן אִיז אָנְצוּהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, אוּן אַזוֹי וֶועט מֶען הָאבְּן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְּן.

## פְרֵיילִיךְ זַיין

דִי צְוֵוייטֶע זַאךְ וָואס מֶען דַארְף זִיךְ פָארְנֶעמֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, נִישְׁט צוּ זַיין גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, אַ אִיד דַארְף זִיךְ אַלֶעמָאל מְחַיֶּ' זַיין מִיט דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע חֲלָקִים וָואס עֶר הָאט.

סַיי בְּרוּחֲנִיּוּת, הָאט אוּנְז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעלֶערְנְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן רפ"ב) אַז אַ אִיד דַארְף קוּקְן נָאר אוֹיף דִי פִּינְטֶעלֶע גוּטְס וָואס עֶר הָאט. דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט לִיבּ צוּ צוּבְּרֶעכְן אַ מֶענְטְשׁ אַז עֶר אִיז שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, עֶר אִיז פוּל מִיט עֲבֵירוֹת אוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַארְף אִים שׁוֹין נִישְׁט הָאבְּן.

דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט נֶעבֶּעךְ אַז עֶר טוּט אַ גוּטֶע זַאךְ מִיט דֶעם וָואס עֶר אִיז צוּבְּרָאכְן, עֶר אִיז דָאךְ צוּבְּרָאכְן וֶועגְן זַיינֶע עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט אַז מִיט דֶעם וֶוערְט עֶר אַרַיינְגֶעשְׁלֶעפְּט אִינֶעם נֶעץ פוּן יֵצֶר הָרַע וָואס ווִיל אִים אַוֶועק שְׁלֶעפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל מִיט דֶעם וָואס עֶר וֶוערְט צוּבְּרָאכְן וֶועט עֶר שׁוֹין מֶער נִישְׁט הָאבְּן קַיין חֵשֶׁק מַמְשִׁיךְ צוּ זַיין צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אוֹיפְגֶעבְּן.

דֶערְפַאר זָאגְט דֶער רֶבִּי אַז מֶען דַארְף טוּן פוּנְקְט פַארְקֶערְט, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטְס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן, נָאר קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט. חֲזַ"ל זָאגְן (בְּרָכוֹת נ"ז.) "אֲפִילוּ רֵיקָנִים שֶׁבָּךְ מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן", יֶעדֶער אִיד אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת, אוּן אוֹיף דֶעם דַארְף מֶען קוּקְן, אוּן מִיט דֶעם דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן, אוּן דָאס וֶועט שׁוֹין מַאכְן אַז מֶען זָאל וֶוערְן אִינְגַאנְצְן גוּט.

אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיּוּת. אַ מֶענְטְשׁ אִיז צוּגֶעווֹאוֹינְט צוּ קוּקְן נָאר אוֹיף זַיינֶע דוּרְכְפֶעלֶער אוּן אוֹיף זַיינֶע צָרוֹת, עֶר פִילְט נִישְׁט אַז עֶר הָאט מִיט וָואס זִיךְ מְחַיֶּ' צוּ זַיין. זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קצ"ה) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ד', ב') "בַּצָּר הִרְחַבְתָּ לִי", אַז אֲפִילוּ אִין דִי צָרוֹת קֶען מֶען אוֹיךְ טְרֶעפְן הַרְחָבוֹת. וֶוען מֶען קוּקְט גוּט, זֶעט מֶען אַז דֶער מַצָּב אִיז נִישְׁט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, עֶס אִיז דָא גֶענוּג אוּן נָאךְ גוּטְס וָואס אַ מֶענְטְשׁ הָאט, עֶר קוּקְט אָבֶער נִישְׁט אוֹיף דֶעם, עֶר קוּקְט נָאר אוֹיף דִי שְׁוֶועְרֶע חֲלָקִים, וֶוערְט עֶר פוּן דֶעם אִינְגַאנְצְן צוּפַאלְן.

<<<<<<

<<<<<< אומאן ראש השנה

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב', סִימָן כ"ד) "מִצְוָה גְדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד", עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אַלֶעמָאל. עֶס אִיז נִישְׁט גְרִינְג צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, בְּטֶבַע צִיט אַ מֶענְטְשׁ מֶער צוּ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט וִוי צוּ שִׂמְחָה, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען יָא צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ, מֶען דַארְף זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען נִישְׁט צוּ זַיין גֶעפַאלְן בַּיי זִיךְ, נָאר שְׁטֶענְדִיג קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע חֲלָקִים וָואס מֶען הָאט, סֵיי בְּרוּחֲנִיּוֹת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוֹת, אוּן מִיט דֶעם זִיךְ מְחַי' אוּן מְחַזֵּק זַיין.

אַז מִיר הָאבְן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין אוּמַאן, לָאמִיר זִיךְ פָארְנֶעמֶען פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, מִיר זָאלְן זַיין אוֹיפְגֶעלֵייגְט אוּן גוּטְמוּטִיג שְׁטֶענְדִיג.

## יֶעדֶער קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מַתָּנָה, אַ 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד', אַ וֶועג וִוי אַזוֹי יֶעדֶער אִיד אָן אוֹיסְנַאם, נִישְׁט קַיין חִילוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב עֶר אִיז, קֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ע"ו) אַז מֶען קֶען לֶערְנֶען תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען מֶען זָאגְט בְּלוֹיז דִי וֶוערְטֶער, אֲפִילוּ מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט וָואס מֶען זָאגְט, אוּן מֶען גֶעדֶענְקְט נִישְׁט וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט.

אַזוֹי וִוי דֶער גוּף דַארְף עֶסְן, אוּן אוֹיבּ עֶסְט עֶר נִישְׁט קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין. דִי זֶעלְבֶּע דַארְף דִי נְשָׁמָה אוֹיךְ עֶסְן, אוּן אָן דֶעם קֶען עֶר נִישְׁט אָנְגֵיין. דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה אִיז דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ג) "וואוֹיל אִיז דֶעם וָואס עֶסְט יֶעדְן טָאג אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, אוּן טְרִינְקְט אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, אוּן טוּט זִיךְ אָן מִיט מִצְוֹת". נָאר דִי תּוֹרָה אִיז דִי עֶסְן פַאר דִי נְשָׁמָה.

לֵיידֶער זֶענֶען אָבֶער דָא אַסַאךְ אִידְן וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט, וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט קַיין גֶעדוּלְד צוּ לֶערְנֶען, מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט גֶעטְרָאפְן דִי פַּאסִיגֶע חַבְרוּתָא צוּ לֶערְנֶען, מֶען הָאט זִיךְ נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט צוּזַאמְנֶעמֶען צוּ אַ גֶעהֶערִיגֶע סֵדֶר פוּן לֶערְנֶען. אָבֶער מִיטְ'ן 'סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד' פוּן רֶבִּי'ן קֶען יֶעדֶער אִיד זוֹכֶה זַיין צוּ לֶערְנֶען, מֶען דַארְף נִישְׁט קַיין קָאפּ דֶערְצוּ, מֶען דַארְף בְּלוֹיז עֶפֶענֶען דֶעם חוּמָשׁ, דִי מִשְׁנַיּוֹת, דִי גְמָרָא, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע סְפָרִים, אוּן אָנְהוֹיבְּן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. דָאס קֶען יֶעדֶער אִיד טוּן, אוּן דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אִינֶעם מֶענְטְשׁ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע סִיפּוּק אִין לֶעבְּן, דָאס בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ חֵשֶׁק צוּ דִי תּוֹרָה, עֶס בְּרֶענְגְט אַז מֶען זָאל פִילְן דִי זִיסְקֵייט פוּן דִי תּוֹרָה. דֶער רֶבִּי זָאגְט אַז וֶוען אַ אִיד וֶועט לֶערְנֶען אוֹיף דֶעם וֶועג, וֶועט זִיךְ צוּם סוֹף אִים עֶפֶענֶען דִי טוֹיעֶרְן אוּן עֶר וֶועט פַארְשְׁטֵיין אוּן קֶענֶען אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט.

עֶס זֶעט אוֹיס זֵייעֶר מָאדְנֶע, "סְתָּם צוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער? וָואס וֶועל אִיךְ הָאבְּן פוּן דֶעם? וָואס וֶועל אִיךְ אוֹיפְטוּן מִיט דֶעם? אֶפְשָׁר אִין דִי צַייט זָאל אִיךְ עֶנְדֶערְשׁ לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג?", אוֹיף דִי אַלֶע קַשְׁיוֹת, דַארְף זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס גוּט אָנְקוּקְן, "וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן בִּיז הַיינְט, אוּן וָואס טוּ אִיךְ יֶעצְט?" וֶוען מֶען וֶועט זִיךְ גוּט בַּאטְרַאכְטְן, וֶועט מֶען זֶען אַז עֶס לוֹיפְן דוּרְךְ דִי טֶעג אוּן יָארְן מִיט גָארְנִישְׁט, וַוייל אוֹיבּ מֶען וִויל נָאר לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן רוֹב צַייט קֶען מֶען דָאךְ נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, אוּן אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען בִּכְלַל נִישְׁט לֶערְנֶען גֶעהֶערִיג, גֵייט אַוֶועק דִי צַייט מִיט גָארְנִישְׁט.

דֶערְפַאר זָאל זִיךְ אַ מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּהֶערְן צוּ אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט אִים אָפּ פוּן צוּ לֶערְנֶען אוֹיפְן רֶבִּי'נְס וֶועג, צוּ זָאגְן אַסַאךְ תּוֹרָה, אִין דִי צַייט וָואס עֶר זֶעט דָאךְ אַז זַיינֶע טֶעג גֵייעֶן אִים אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, אוּן וֶוען עֶר פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן כַאפְּט עֶר אַרַיין אַסַאךְ תּוֹרָה. עֶס וֶועט קוּמֶען אֵיין טָאג, וָואס עֶס וֶועט אִים גוּט צוּנִיץ קוּמֶען דִי אַלֶע פְּרָקִים מִשְׁנַיּוֹת, דִי אַלֶע בְּלֶעטֶער גְמָרָא, דִי אַלֶע סִימָנִים אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ, אוּן אַלֶע קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים, וָואס עֶר הָאט אַרַיינְגֶעכַאפְּט אוֹיף דִי וֶועלְט.

אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיף אוּמַאן, דַארְפְן מִיר זֶען צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהוֹיבְּן לֶערְנֶען פְלַייסִיג אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעלֶערְנְט.

לָאמִיר מַמְשִׁיךְ זַיין דֶעם רֶבִּי'נְס רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוֹיךְ אוֹיף דִי גַאנְצֶע יָאר, לָאמִיר מִיטְנֶעמֶען אַהֵיים דִי אַלֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן, וֶועט אוּנְז זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(מַחֲזוֹר "עֵת רָצוֹן", הַבְדָּלָה)

# דֶער רֶבִּי אִיז יֶעדְן אֵיינֶעם מְתַקֵּן

מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט אַזוֹי וִוי דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל, וָואס אַ טָאג נֶענְטֶער עֶס וֶוערְט צוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וֶוער אִיךְ מֶער פְרֵיילִיךְ אַז מִיר פָארְן שׁוֹין צוּם רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי אִיז מְתַקֵּן יֶעדְן אֵיינֶעם, זָאל דָאס זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער בַּעַל עֲבֵירָה, אוֹיבּ קוּמְט עֶר צוּם צִיּוּן – הוֹיבְּט זִיךְ אָן מִיט אִים אַ נַייעֶ גֶעשִׁיכְטֶע; דֶער רֶבִּי פָארֶעט זִיךְ מִיט אִים בִּיז עֶר אִיז אִים מְתַקֵּן.

מוֹהֲרַא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ מִיטְ'ן נָאמֶען מֹשֶׁה וֶועלְוְול, עֶס אִיז אַרוֹיס אוֹיף אִים אַ שֵׁם רָע, אַ שְׁלֶעכְטֶע נָאמֶען – אַז עֶר טוּט שְׁמוּץ. וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים: "מֹשֶׁה וֶועלְוְול דוּ בִּיסְט אוּנְז אַ בִּזָּיוֹן, וֶוער בֶּעט דִיר דוּ זָאלְסְט קוּמֶען דָא?!" אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אָבֶער גֶעהַאט טַעֲנוֹת אוֹיף אִים: "וָואס הֵייסְט דוּ שְׁרֵייסְט אוֹיף אִים 'וֶוער בֶּעט דִיר צוּ קוּמֶען דָא?' עֶר אִיז נִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִיר, עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן".

שְׁפֶּעטֶער הָאט אֵיינֶער דֶערְצֵיילְט אַז עֶר אִיז אַרַיינְגֶעשְׁטַאנֶען אֵיינְמָאל בַּיי דֶעם אִיד מֹשֶׁה וֶועלְוְול אִינְמִיטְן וִוינְטֶער, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר דַאוֶוענְט אַ פָּשׁוּטֶ'ע מִנְחָה מִיט בְּכִיּוֹת עֲצוּמוֹת; הָאט מֶען גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי טוּישְׁט אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל וֶוערְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת תָּבֹא תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי נֶעמְט מֶען כֹּחַ צוּ דִי לַחַץ פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג, אוּן מַיין קָאפּ הוֹיבְּט מִיר אָן שְׁווינְדְלֶען, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ זַיין עֶרְנְסְט, צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין, צוּ דִי גַאנְצֶע רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר. יֶעדֶעס יָאר אִיךְ נָאר אַז דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זָאל אַוֶועקְגֵיין, דִי לַחַץ אַז אִיךְ וֵוייס "מְ'מוּז" זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן וַוייל יֶעצְט שְׁרַייבְּט מֶען אָן דִי גַאנְצֶע יָאר, מַאכְט מִיר שׁוֹין יֶעצְט אָנְגֶעצוֹיגְן. סְ'אִיז אַ פַּאקְט אַז סְ'קוּמְט אַ מִשְׁפָּט אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם, אָבֶער עֶס בְּרֶענְגְט מִיר צוּ שְׁפִּירְן אַזוֹי וִוי אֵיינֶער פִילְט פַאר אַ מִשְׁפָּט, עֶר אִיז דֶערְשְׁרָאקְן אוּן נֶערְוֶועז.

אִיךְ וֵוייס אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן וִוי אַייךְ זִינְגֶען זִיךְ אוּנְטֶער דִי נִיגוּנִים פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דָאס בְּרֶענְגְט זֵיי שִׂמְחָה, אָבֶער בַּיי מִיר אִיז פַארְקֶערְט אַז אֵיינֶער הֵייבְּט אָן צוּ זִינְגֶען אַ תְּנוּעָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג דְרֵייט זִיךְ מִיר דִי קִישְׁקֶעס.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת עֵקֶב, י"ג מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען טֶעג פוּן רַחֲמִים; דֶער וַוארְט אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייזְט זַיין רַחֲמָנוּת, עֶר שְׁטֵייט אוּן וַוארְט מֶען זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, מֶען זָאל פַארְרֶעכְטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף פַארְרֶעכְטְן. עֶס זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס זֶענֶען טֶעג פוּן לִיבְּשַׁאפְט, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט (לִקּוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב) אַ מָשָׁל צוּ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס זִיצְט אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט קֶענֶען נִישְׁט צוּקוּמֶען פָּשׁוּטֶ'ע מֶענְטְשְׁן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג צוּצוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, אָבֶער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, דֶעמָאלְט שְׁמֵייכְלְט דֶער קֶענִיג צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא, חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי וִוי אַ קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכְל פוּנֶעם קֶענִיג, אָן קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד וֶוער מֶען אִיז.

מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט מֶען דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת; מֶען דַארְף פַאסְטְן, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אַז מֶען טוּט גָארְנִישְׁט וֶוערְט מֶען זֵייעֶר בְּעַצְבוּת. אָבֶער בֶּאֱמֶת אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן עג): "מִי שֶׁרוֹצֶה לִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה, יִהְיֶה רָגִיל בַּאֲמִירַת תְּהִלִּים", וֶוער עֶס וִויל זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, זָאל זָאגְן תְּהִלִּים. וַוייל יֶעדֶער אִיד וִויל זַיין עֶרְלִיךְ אוּן טוּן דִי וִוילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶער נִישְׁט יֶעדֶער אִיז זוֹכֶה טַאקֶע צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אוּן עֶס אִיז דָא אַפָּאר סִיבּוֹת דֶערְצוּ, אֵיינֶער הָאט בִּכְלַל נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, "וַאֲפִילוּ מִי שֶׁיֵּשׁ לוֹ הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, אֵינוֹ זוֹכֶה לְהַגִּיעַ אֶל הָאוֹת וְהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה הַשַּׁיָּךְ

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

לוֹ", אוּן אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין יָא אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, וֵוייסְט עֶר נִישְׁט וָואס עֶר דַארְף טוּן, "וַאֲפִילוּ אִם מַגִּיעַ לְשָׁם, יָכוֹל לִהְיוֹת שֶׁהַשַּׁעַר שֶׁל תְּשׁוּבָה סָגוּר, וּמֵחֲמַת כָּל זֶה אֵין הָאָדָם זוֹכֶה לִתְשׁוּבָה", אוּן אֲפִילוּ דֶער וָואס הָאט אַן הִתְעוֹרְרוּת תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן עֶר וֵוייסְט וָואס מֶען דַארְף טוּן צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר נָאךְ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין שְׁטַארְק אוּן נִישְׁט וֶוערְן צֶעבְרָאכְן פוּן אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁטֶערוּנְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, זָאגְט דֶער רֶבִּי: "וְעַל יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מִי שֶׁאֵין לוֹ שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת לִתְשׁוּבָה, הוּא מִתְעוֹרֵר לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", וֶוער מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, אֲפִילוּ מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם הִתְעוֹרְרוּת, וֶוערְט מֶען נִתְעוֹרֵר תְּשׁוּבָה צוּ טוּן, אוּן מֶען וֵוייסְט וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן, "וְגַם זוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לְהַגִּיעַ אֶל הַשַּׁעַר וְאוֹת הַשַּׁיָּךְ לוֹ, וְלִפְתֹּחַ הַשַּׁעַר; נִמְצָא שֶׁזּוֹכֶה עַל יְדֵי תְּהִלִּים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה", מֶען קֶען אָנְגֵיין מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט וְכוּ׳, בִּיז מֶען אִיז זוֹכֶה תְּשׁוּבָה צוּ טוּן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

דֶערִיבֶּער זָאלְסְטוּ זֶען צוּ זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר, עֶר זָאל דִיר מְקָרֵב זַיין צוּ אִים. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת. אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בְּטַעֲנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", אוּן זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, זִיךְ אוֹיס גִיסְן דָאס הַארְץ אוּן אִים בֶּעטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הָאבּ שׁוֹין רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר", מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף מַאמֶע לָשׁוֹן - אוֹיף דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, "כִּי בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ קָשֶׁה לוֹ לְפָרֵשׁ כָּל שִׂיחָתוֹ", וַוייל אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ אִיז שְׁוֶוער אַרוֹיס צוּ בְּרֶענְגֶען אַלֶעס וָואס לִיגְט אוֹיפְ׳ן הַארְץ, "וְגַם אֵין הַלֵּב נִמְשָׁךְ אַחֲרֵי הַדִּבּוּרִים, מֵחֲמַת שֶׁאֵינוֹ מֻרְגָּל כָּל כָּךְ בְּהַלָּשׁוֹן, כִּי אֵין דַּרְכֵּנוּ לְדַבֵּר בִּלְשׁוֹן הַקֹּדֶשׁ", וַוייל מִיר רֶעדְן נִישְׁט קַיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ, דֶערְפַאר אִיז שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ, "אֲבָל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז שֶׁמְּסַפְּרִים וּמְדַבְּרִים בּוֹ, קַל וְקָרוֹב יוֹתֵר לְשַׁבֵּר לִבּוֹ", אוֹיפְ׳ן שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט אִיז גְרִינְגֶער זִיךְ אוֹיס צוּ גִיסְן דָאס הַארְץ.

טוּ דִי עֲבוֹדָה גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן אַ נָאנְטְקֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּ וֶועסְט שְׁפִּירְן עֶפֶּעס וָואס דוּ הָאסְט נָאךְ קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט, דִי זִיסֶע גֶעשְׁמַאקֶע אַנְגֶענֶעמֶע טַעַם וָואס צַדִּיקִים שְׁפִּירְן אִין גַן עֵדֶן; דַיין לֶעבְּן וֶועט זַיין אָן לַחַץ, אָן פְּרֶעשׁוּר, דוּ וֶועסְט הַנָאָה הָאבְּן פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג.

**אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה!**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה פַּרְשַׁת עֵקֶב תשׁ"פ)

## ביהמ"ד "היכל הקודש" ברסלב

בליצרקובסקיה 28 - אומאן

## זמנים לראש השנה תשפ"ג

### שבת פרשת נצבים

זמן הדלקת הנרות.......................6:45
מנחה וקבלת שבת.......................7:30
באטע פרייטאג צו נאכטס נאך די סעודה
שחרית.......................9:30
קידושא רבה מיט סיפורי מעשיות נאכ'ן דאווענען
מנחה ושלש סעודות.......................7:00
זמן מוצאי שב"ק.......................8:06

### ערב ראש השנה

סליחות מוצאי שב"ק ליל זכור ברית....1:00
פדיון נפש נאך סליחות
שחרית ערב ראש השנה.......................8:00
פדיון נפש נאך שחרית

### ראש השנה

זמן הדלקת הנרות.......................6:30
מנחה.......................בזמן הדלקת הנרות
שחרית ביידע טעג.......................8:00
תקיעת שופר דרשה.......................12:00
תשליך.......................5:00
מנחה ביידע טעג.......................6:00
דרשה ביידע טעג.......................6:30
זמן מוצאי יו"ט.......................8:00

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## פדיון נפש ערב ראש השנה

ווי באקאנט פלעגן אנשי שלומינו זיך פירן צו געבן פאר מוהרא"ש יעדעס יאר אום ערב ראש השנה אין אומאן "פדיון נפש", אזוי ווי דער רבי זאגט (שיחות הר"ן, סימן רי"ד) אז ערב ראש השנה זאל מען געבן א פדיון.

מוהרא"ש האט געזאגט אז די גרעסטע צדקה וואס עס איז פארהאן איז צו געבן געלט צו קענען מער און מער פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, דאס איז די בעסטע וועג ווי אזוי מחי' צו זיין מענטשן, און דאס בלייבט פאר די מענטשן אויף אייביג. דעריבער פלעגט מוהרא"ש נוצן די געלט פון די פדיונות אויף צו דרוקן דעם רבינ'ס ספרים און צו בויען דעם רבינ'ס מוסדות, צו קענען מיט דעם ווייטער פארשפרייטן דעם רבינ'ס ליכט אויף די גאנצע וועלט.

דאס יאר וועלן אנשי שלומינו ווייטער געבן "פדיון נפש" אין אומאן פאר דעם זעלבן צוועק, מען וועט קענען געבן דעם "פדיון נפש" פאר'ן ראש ישיבה שליט"א ערב ראש השנה אין אומאן, מ'קען זען די זמנים פאר פדיון נפש אין אומאן אין א באזונדערע קעסטל אינעם גליון פון די זמנים אין אומאן.

דאס ארויסהעלפן פארשפרייטן דעם רבינ'ס עצות אויף דער וועלט, איז די בעסטע הכנה צום הייליגן ראש השנה.

**פדה בשלום נפשי!**

***

## אומאן עירוב נעמט אריין דעם בנין היכל הקודש

די וועד העירוב ד'אומאן האט געמאלדן אז אויך דאס יאר וועט דער עירוב ארום אומאן אריינעמען אויך דעם בנין היכל הקודש אינעם עירוב.

אנשי שלומינו זענען זייער מכיר טובה די וועד העירוב אין אומאן, פאר'ן אנטקעגן קומען אנשי שלומינו מיט'ן אונטערגענומען א קאסטבארן פראיעקט אויסצוברייטערן דעם עירוב עס זאל אויך אריינעמען דעם בנין היכל הקודש אויף די בילאצערקאווסקע גאס אויף ראש השנה.

דער עירוב וועט זייער צוניץ קומען, בפרט היי יאר וואס ראש השנה פאלט אויס זונטאג נאכט, און דער ציבור איז שוין אין אומאן אויף שבת קודש, און אזוי וועט מען בעז"ה קענען גיין און קומען מיט הרחבת הדעת אויסגיסן דאס הארץ פאר'ן אייבערשטן ביים ציון הקדוש און פועל'ן א גוט געבענטשט יאר.

**שמחים לשמרו ולערב עירובו!**


## אויף פּאָסט צו אייער טיר

סובסקרייבט אייך צו באקומען יעדע וואך אויף פאסט די עצתו אמונה, גליון היכל הקודש, קרית ברסלב בלעטל, בית נצחי קליינע און גרויסע

718-387-2691 #3

subscribe@kerenhadfusa.org

## די הייליגע טעג

דרשות, שיעורי תורה, ניגונים, נוסח, מעשיות פאר קינדער, און נאך; אויף די הייליגע טעג ראש השנה, יום כיפור, און סוכות

< קול ברסלב >

212-444-9191

1, 1, 9

## חיזוק צום טיר

איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

347-509-4908

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**




< BreslevCenter.com >